UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
A Year of Activities of the YIVO Committee in Los Angeles / A Yor Tetikeyt Fun YIVO Komitet In Los Angeles

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1v62n4vh

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אַ יאָר טעטיקייט פון ייוואָ-קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס, פון 15טן יולי, 1952 ביזן 15טן יולי, 1953

## אָפּגעגעבן אויף דער 7טער יערלעכער ייוואָ-קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס, דעם 29טן און 30טן אויגוסט, 1953

שבת אָוונט, דעם 6טן און זונטיק אַ גאַנצן טאָג, דעם 7טן סעפּטעמבער, 1952, איז פאָרגעקומען די יערלעכע ייוואָ-קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען 102 דעלעגאַטן פון 38 אָרגאַניזאַציעס. צו דער פייערלעכער דערעפענונג שבת אָוונט איז געקומען אַ גרויסער עולם. פּר׳ מענדל עלקין, דער גאַסט פון צענטער, האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „דער ייוואָ היינט און זיינע פּלענער אויף להבא״. די טאַלאַנטירטע זינגערין, פייגעלע פאַניץ, האָט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער. פריינד זלמן זילבערצווייג איז געווען דער פאָרזיצער און אויף זיין אַפּיל איז אַריינגעקומען אַ היבשע סומעביישטייערונגען.

אויף דער נאָכמיטאָג-זיצונג, אונטערן פאָרזיץ פון אלעקס ראבין, האָט מאָריס ליבמאַן, מיט-דירעקטאָר פון דער ביורא פאַר יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס, געלייענט אַ רעפעראט אויף דער טעמע: „הומאָר ביי יידן״, און מענדל עלקין האָט דערציילט וועגן זיינע איינדרוקן פון מדינת ישראל. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט און אַקטיוו, מיט ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער פון קאָמיטעט; זלמן זילבערצווייג, פאָרזיצער פון אַקטיוו; אלעקס ראבין, מיט-פאָרזיצער פון אקטיוו; אסתר אפּטייקער, י. פרידלאנד און ט. ברייס, וויצע-פאָרזיצערס; יוסף טילעס, פּראָטאָקאָל סעקרעטאר; און ש. ברייניז, פינאַנץ-סעקרעטאר; עקזעקוטיוו סעקרעטאר, שלמה האָכבערג.

### מ. ל. האַלפּערן אָוונט

דעם 29טן נאָוועמבער, 1952, האָט דער ייוואָ-קאָמיטעט בשותפות מיטן יידישן קולטור קלוב איינגעאָרדנט אַן אָוונט געווידמעט דעם 20טן יאָרצייט פון דיכטער מ. ל. האַלפּערן. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. דער דיכטער ה. רויזענבלאַט און די לערערין ליבע אָקון האָבן גערעדט וועגן שאַפן פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער. אברהם זיגלבוים האָט רעציטירט און פייגעלע פאניץ האָט געזונגען האלפּערנס לידער. פאָרזיצער איז געווען י. פרידלאנד.

### ייוואָ-אונטערנעמונגען אין אָרגאַניזאַציעס:

אין די ווייטערדיקע אָרגאניזאציעס זיינען פאָרגעקומען ייוואָ-אונטערנעמונגען:

1. דעם 3טן אָקטאָבער, 1952, אין מאָריס זיגמאן בר. 689 אַרב. רינג.
2. דעם 4טן אָקטאָבער, אין יהואש לייען-קרייז.
3. דעם 21טן נאָוועמבער, פרץ הירשביין קולטור-קרייז ביים ים.
4. דעם 28טן נאָוועמבער, „אויפבוי גרופּע״ ביי פועלי ציון.

5. דעם 3טן דעצעמבער, ארב. רינג ברענטש אין נאָרט האָליוואוד.

7. דעם 10טן יאַנואַר, ייוואָ־אָוונט אין קולטור קלוב: אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאנד, איז דעם 10טן יאנואר דורכגעפירט געוואָרן אַ ייוואָ־אָוונט פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור קלוב.

## ייוואָ פרויען־קלוב — זיצונגען און פאַרזאַמלונגען

אין משך פון עלף חדשים האָט דער ייוואָ פרויען קלוב אָפּגעהאַלטן 17 זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע און מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען. ס'איז צו באַמערקן, אַז אויף יעדן צוזאַמענקום איז נאָכן באַהאַנדלען די לויפיקע פראַגן, געגעבן געוואָרן אַ לעקציע. די לעקטאָרן זיינען געווען: זלמן זילבערצווייג, י. ל. מאלאמוט, מ. פאָגעל און שלמה האָכבערג.

## באַזוכן שטעט

שלמה האָכבערג האָט געמאַכט אַ טור איבער די שטעט: סאן דיעגא, טיאַוואנא (מעקסיקא), עלסינאָר, פרעזנא, סאן פראַנציסקא, אוקלאַנד, בוירקלי און פעטאלומא. אין אַלע שטעט זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענטרעפן מיט ייוואָ־פריינט און פריינט האָכבערג האָט רעפערירט וועגן ייוואָ. ס'איז איינגעמאָנט געוואָרן די ביישטייערונגען פון די מיטגלידער. אין סאן דיעגא איז דעם 16טן מערץ פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין הויז פון פריינדין ראוז ברוקער. ס'איז געוויילט געוואָרן אַ ייוואָ־קאָמיטעט פון זיבן פריינט און י. ל. דאַמניץ, פאָרזיצער; ברוך וויצער, פראָטאָקאָל סעקרעטאר; און ראוז ברוקער, פינאַנץ סעקרעטאר. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַ ייוואָ־אָוונט, דעם 5טן מאַי, מיט דער באַטייליקונג פון שלמה האָכבערג. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די פריינט פון סאַן דיעגא האָט שלמה האָכבערג באזוכט טיאוואנא, מעקסיקא. דער יידישער ישוב אין טיאוואנא איז זייער אַ קליינער. ס'זיינען דאָרט געשאַפן געוואָרן עלף מיטגלידער. יעדער מיטגליד גיט 25 דאלאר ביישטייער פאַרן ייוואָ.

## הכנסה און הוצאה

אין לויף פון יאָר איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ניו יאָרק 8042.82 דאלאר.

הוצאות פאַרן זעלבן יאָר זיינען געווען 1650.57 דאלאר.

אין די 1650.57 גייען אַריין די הוצאות פון אַלע אונטערנעמונגען פון ייוואָ־קאָמיטעט, יונגער ייוואָ־קרייז, ייוואָ פרויען־קלוב און אונטערנעמונגען אין די שטעט מחוץ לאָס אַנדזשעלעס.